**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/10/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול שרייבט א בריוו צו AI קאמפעניען פירמעס איינמעלדנדיג אז שיך-מאסנאמען פאדערונגען זענען יעצט אריין אין קראפט**

***ערשטע-אינעם-לאנד געזעץ פארלאנגט פון AI קאמפעניען פירמעס צו אריינשטעלן זיכערהייט מאסנאמען און צושטעלן מעלדונגען צו אפשטעלן באנוצער פון זיך באנוצן מיט דעם פאר צו לאנג אין א צי***

***AI קאמפעניענס מוזן יעצט אויפכאפן און איינפירן זיכערהייט פראטאקאלן אויב באניצער רעדן איבער זעלבסט-שעדיגונג און מוזן זיי רעפערן צו קריזיס צענטערן***

***בויעט אויף גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו באשיצן ניו יארקער פון דיגיטאלע שאדן און זיך באניצן מיט AI פאר די טובה פונעם פובליק***

[***דא קען מען זעהן די אפענע בריוו צו די פירמעס***]()

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז נאציאנאל-פירנדע שיך מאסנאמען פאר AI קאמפעניענס וואס אפערירן אין ניו יארק זענען יעצט אריין אין קראפט. די געזעץ, געשטיצט אלס טייל פון די גאווערנאר'ס עקזעקיוטיוו בודשעט פריער אינעם יאר, פארלאנגט פון AI קאמפעניען אפערירער צו אריינשטעלן זיכערהייט מאסנאמען און צושטעלן מעלדונגען צו אפשטעלן באנוצער וואס באניצן זיך מיט די סיסטעמען פאר צו לאנג אין א צי. AI קאמפעניענס ווערן יעצט פארלאנגט צו אויפכאפן און אריינשטעלן א זיכערהייט פראטאקאל אויב א באנוצער דרוקט זיך אויס מיט פלענער פון זעלבסט-מארד אדער זעלבסט-שעדיגונג, אריינגערעכנט זיי רעפערן צו א קריזיס צענטער. די געזעץ טוט אויך פארלאנגען אז קאפעניען אפערירער זאלן מעלדן און דערמאנען באניצער אז זיי רעדן דא נישט מיט קיין מענטש נאך יעדער דריי שעה אין צי וואס מען באניצט זיך מיט'ן סיסטעם. די AI קאמפעניען געזעץ בויעט אויף די גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו באשיצן ניו יארקער פון דיגיטאלע שאדן און אויסברייטערן AI פאר די טובה פונעם פובליק. זעהט די אפענע בריוו וואס איז געשיקט געווארן צו די פיראמעס [דא]().

"עס איז די אחריות פון פירער צו זיכער מאכן אז די נייע טעכנעלאגיעס וואס טוען פארעמען אונזער וועלט טוען אויך באשיצן די וועלכע באניצן זיך מיט זיי, ספעציעל אונזערע יונגווארג דורכאויס דעם סטעיט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט פירמעס און מיט מיינע שותפים אין סטעיט רעגירונג צו ווייטער זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט בלייבט א גלאבאלע פירער אין פארעמען די וועג אינעם ריכטונג פון די צוקונפט פון פאראנטווארטליכע AI."

**עטארני דשענערעל Letitia James (לעטישע דשעימס) האט געזאגט,** "די געשיכטעס פון מענטשן וואס זענען ערמוטיגט געווארן דורך AI באטס זיך צו שעדיגן אדער נעמען דאס לעבן זענען הארץ-רייסנד. AI פירמעס האבן די אחריות צו באשיצן זייערע באניצער און זיכער מאכן אז זייערע פראדוקטן טוען נישט

אפנארן אדער שעדיגן מענטשן וואס ניצן די AI קאמפעניענס. קיין שום פירמע זאל נישט קענען פארדינען פון אן AI קאמפעניען וואס שטעלט איר באניצער אין געפאר. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן נעמען די שטארקע שריט צו פארזיכערן אז ניו יארק טוט ווייטער פירן דעם וועג אין AI זיכערהייט, און איך וועל זיך נישט צוריקהאלטן פון האלטן פירמעס פאראנטווארטליך פאר'ן שעדיגן ניו יארקער מיט אומפארזיכערטע AI פראדוקטן."

"AI קאמפעניענס" זענען געאייגנט צו נאכמאכן מענטשליכע באציאונגען מיט באניצער — ווי זיך פארשטעלן אלס אן AI פריינד אדער ראמענטיק פארטנער. די סיסטעמען קענען געדענקען פערזענליכע דעטאלן, צופאסן זייערע פערזענליכקייט צו שטומען מיט די אויסוואלן פון די באנוצער, און זענען געאייגנט צו האלטן באניצער געשפאנט. לעצטיגע באריכטן ווייזן אן אויף געהעכערטע באניץ פון AI קאמפעניענס, און געוויסע מומחים ווארענען אז די סיסטעמען זענען נישט פארזיכערט פאר יונגע אדער הייקעלע באפעלקערונגען. צו באשיצן ניו יארקער פון דיגיטאלע שאדן, האט גאווערנאר Hochul (האקול), אלס טייל פון די איינגעפירטע בודשעט פאר די 2026 פינאנציעלע יאר, אוועקגעשטעלט די נייע שיך-מאסנאמען אלס אלגעמיינע ביזנעס געזעץ ארטיקל 47 (General Business Law Article 47), פארלאנגענדיג פון פירמעס צו איינפירן זיכערהייט מאסנעמען פאר באניצער און זיי צושטעלן די ריסאורסעס צו באקומען הילף.

**פאראנטווארטליכקייטן אונטער די נייע געזעץ**
אנגעהויבן פון נאוועמבער 5, 2025, מוזן AI אפערירער:

- איינפירן זיכערהייט פראטאקאלן פאר קריזיס אינטערווענירונג: AI קאמפעניענס מוזן אויפכאפן צייכנס פון געדאנקען פון זעלבסט-מארד אדער זעלבס-שעדיגונג און גלייך דירעקטירן באניצער צו קריזיס סערוויס פראוויידערס.
- אפהאקן אומאויפהערליכע באניץ: קלארערהייט און רעגלמעסיג איינמעלדן פאר באניצער אז זיי רעדן דא מיט ארטיפישעל אינטעליגענץ און נישט מיט קיין מענטש, אריינגערעכנט קלארע מעלדונגען ביים אנהויב פונעם סעסיע און דערנאך נאך יעדער דריי שעה פון כסדר'דיגע קאמפעניען באניץ.

נישט איינהאלטן די געזעץ וועט פירן צו געלט שטראפן, ענפארסירט דורך די ניו יארק עטארני דשענערעל, און סיי וועלכע געלטער וואס ווערן איינגעמאנט וועלן העלפן פינאנצירן זעלבסט-מארד פארמיידונג פראגראמען אין ניו יארק סטעיט.

**סטעיט סענאטאר Kristen Gonzalez (קריסטען גאנזאלעס) האט געזאגט**, "איך בין באמת שטאלץ צו האבן געארבעט מיט די סטעיט לעגיסלאטור און די גאווערנאר צו שטיצן AI לעגיסלאציע ווי די קאמפעניען געזעץ. אין די צייט וואס מיר אדאפטירן AI געצייג ווי טשעט-באטס, טוען מיר זעהן די השפעה פון צוגעפאסטע רעגולירונג אזוויי עס פאסירט. קאמפעניענס טוען שוין יעצט טוישן זייערע פאליסיס צו באשיצן קינדער און נאכקוקן געוויסע סארט אינהאלט ווי מעדיצינישע, לעגאלע און פינאנציעלע ראט. א דאנק צו גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן זיך קאנצענטרירן צו מאכן ניו יארק פאר א פאראנטווארטליכע AI פירער, און איך קוק ארויס צו ארבעטן צוזאמען צו ווייטער דורכפירן געזעצן וואס שטעלן די טובה פונעם פובליק ביים שפיץ פון AI."

**אסעמבלי מיטגליד Steve Otis (סטיוו אטיס) האט געזאגט**, "די 2025-26 סטעיט בודשעט רעכנט אריין באדייטנדע באשיצונגען און מעדלונגען פאר באניצער פון AI קאמפעניען געצייג. די פאראנטווארטליכקייט צו טוהן 'פארשטענדליכע באמיאונגען צו אויפכאפן און אדרעסירן געדאנקען פון זעלבסט-מארד אויסגעדרוקט דורך א באניצער, און די כסדר'דיגע מעלדונג אז די באניצער רעדט דא מיט AI, און נישט מיט קיין מענטש, זענען ספעציעל וויכטיג. די באשיצונגען זענען נאך א ביישפיל פון די

פירערשאפט פון גאווערנאר Hochul (האקול) אוןביידע הייזער פונעם לעגיסלאטור אין נאכקומען די שנעל-וואקסנדע טעכנעלאגיעס ווי ארטיפישעל אינטעליגענץ."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן